בעזרת השם יתברך

# פרק לא-לב

## • בשלח •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אינדערפרי איז אַממערסטן מסוגל די תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן פאַר דעם אויבערשטן. - אַ מעשה ווי אַזוי רבי יוסי בן פקיעין איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים. - די כוונה פון דעם פסוק "ה' ממית ומחיה" וגו'. - יסורים זענען אַ סגולה פטור צו ווערן פון די עבירות. - געוויסע טעג אין יאָר ווען עס קענען קומען יסורים ח"ו אויף דעם מענטש, און עצות ווי אַזוי זיך צו היטן אין די דאָזיגע טעג. - מען זאָל צודעקן דאָס קינד מיט אַ דעק ווען מען גייט אויף דער גאַס אין די דאָזיקע טעג. - די פּסוקים וואָס זענען אַ סגולה קעגן עין הרע און כישוף.

געוויסע טעג אין יאָר ווען עס קענען קומען יסורים ח"ו אויף דעם מענטש, און עצות ווי אַזוי זיך צו היטן אין די דאָזיקע טעג. - מען זאָל צודעקן דאָס קינד מיט אַ דעק ווען מען גייט אויף דער גאַס אין די דאָזיקע טעג. - די פּסוקים וואָס זענען אַ סגולה קעגן עין הרע און כישוף.

# ארחות חיים להרא"ש ז"ל

לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ ועיניו על כל דרכי איש ובוחן לב וחוקר כליות כי מי שאינו מאמין אשר הוצאתיך מארץ מצרים אף באנכי ה' אלקיך אינו מאמין ואין זה יחוד שלם

כי זה הוא סגולת ישראל על כל העמים,

וזה יסוד כל התורה כולה.

# אינהאלט
## פון פרקים לא-לב

**א.** אין פרק ל״א ווערן ערקלערט די חשיבות פון תפילה אינדערפרי, מער ווי אין אַנדערע צייטן. - ווי אַזוי רבי יוסי בן פקיעין איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים. - פאַר יציאת נשמה וויל דער שטן זיך אָנקלעפּן אין דעם גוף פונעם מענטש, אָבער ביי אַן ערליכן איד שטופּט דער אויבערשטער אַוועק דעם שטן. - ווען אַ מענטש האָט יסורים ח״ו, זאָל ער טראַכטן אַז דאָס איז כדי ער זאָל אפּקומען די שטראָף פאַר זיינע עבירות.......... ה

**ב.** אינדערפרי איז אַ גרויסער עת רצון פאַר דעם גוף און פאַר דער נשמה.......... ה

**ג.** די תפילה פון אינדערפרי ווערט אָנגענומען.......... ו

**ד.** ביי די פּטירה פון אַ צדיק קומט די שכינה און דער שטן ווערט אפּגעשוואַכט.......... יא

**ה.** אפילו די נשמה פון דעם צדיק מוז נידערן אין גיהנום אויף אַ קורצע רגע.......... יב

ו. די יסורים זענען כדי צו רייניקן דעם מענטש פון זיינע זינד ............ יד

ז. דורך אָננעמען די יסורים שוואַכט מען אָפּ דעם כוח פון דער סטרא אחרא ............ טו

ח. אין פרק ל״ב ווערן אויסגערעכנט די טעג ווען עס איז א סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיקע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס. - ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע. ............ יז

ט. די טעג ווען קינדער טאָרן נישט גיין אַליין אויף דער גאַס ............ יז

י. דער מענטש דאַרף מתפלל זיין דער אויבערשטער זאָל אים ראַטעווען פון די שלעכטע ווינטן און פון אַן עין הרע ............ יז

יא. עלף פסוקים וואָס פאַנגען זיך און ענדיקן זיך מיט'ן אות נו״ן, זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע ............ יח

❖ ❖ ❖

# פרק ל"א

**אין דעם פרק ווערט ערקלערט: די חשיבות פון תפילה אינדערפרי, מער ווי אין אַנדערע צייטן. - ווי אַזוי רבי יוסי בן פקיעין איז אויפגעשטאַנען תחיית המתים. - פאַר יציאת נשמה וויל דער שטן זיך אָנקלעפּן אין דעם גוף פונעם מענטש, אָבער ביי אַן ערלעכן איד שטופּט דער אויבערשטער אַוועק דעם שטן. - ווען אַ מענטש האָט יסורים ח"ו, זאָל ער טראַכטן אַז דאָס איז כדי ער זאָל אפּקומען די שטראָף פאַר זיינע עבירות.**

**א. כתיב,** עס שטייט אין פסוק (תהלים ה, ד) "ה' בֹּקֶר תִּשְׁמַע קוֹלִי", באַשעפער, אינדערפרי זאָלסטו צוהערן מיין קול. איז דאָך שווער, הערט דען דער אויבערשטער די תפילות נאָר אינדערפרי, דאָס קול פון די מענטשן וואָס בעטן פאַר אים יעדע צייט וואָס מען רופט צו אים, הערט ער אַלץ אויס אונזער קול און נעמט אָן אונזער תפילה?

**ב. אכן הענין,** נאָר דער תירוץ איז ווי פאָלגנד, ווייל אין די אַנדערע צייטן ווען מענטשן דאַווענען, קוקט מען נאָך אין הימל די תפילה אויב עס איז ווערט אָנגענומען צו ווערן, צוליב די מעשים פון דעם מענטש וואָס דאַוונט, אָדער נישט, אָבער דער מענטש וואָס דאַוונט אינדערפרי, הערט דער אויבערשטער צו זיין תפילה.

## אינדערפרי איז אַ גרויסער עת רצון פאַר דעם גוף און פאַר דער נשמה

**ג. כדאיתא בזוהר,** אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת בלק (דף ר"ד עמוד א') רבי אלעזר און רבי אבא און די איבעריגע חבריא מיט אים זענען געגאַנגען אין וועג. האָט רבי אלעזר אָנגעהויבן מיט די ווערטער, עס שטייט אין פסוק "ה' בֹּקֶר תִּשְׁמַע

קוֹלִי". דאָס ענין איז ווי פאָלגנד, ווייל יעדן אינדערפרי דערוועקט זיך די מדה פון חסד פון אברהם, וואָס ביי אים שטייט (בראשית כב, ג) "וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר", און אברהם האָט זיך געפעדערט אינדערפרי, און יענע צייט איז אַ גרויסער עת רצון.

**ד. ואפילו,** און אַפילו אַ קראַנקער מענטש וואָס ליגט אויף דעם ווייטאָגלעכן בעט געפינט אַ פאַרגעניגן אינדערפרי דורך דעם מלאך רפאל וואָס ער ווערט אַנטפלעקט יעדן אינדערפרי, און די ממונים וואָס זענען ממונה צו וואַרפן שלעכטע קראַנקהייטן ח"ו אויף מענטשן ווען זיי זעהען ווי דער מלאך רפאל ווערט אַנטפלעקט, פאַרכטן זיי זיך פון אים און זיי אַנטלויפן. דאַן שטרעקט רפאל אויס אַ רפואה צו דעם קראַנקן.

**ה. וכמו,** און אַזוי ווי דעמאָלטס איז אַן עת רצון צו היילן די קראַנקהייט פון דעם גוף, אַזוי איז אויך אַן עת רצון צו היילן די קראַנקהייט פון דער נשמה, וואָס איר קראַנקהייט איז די זינד וואָס זי האָט געטוהן, איז אינדערפרי אַן עת רצון מתפלל צו זיין צו דעם אויבערשטן אַז ער זאָל מוחל זיין די עבירות.

## די תפילה פון אינדערפרי ווערט אָנגענומען

**ו. ומחמת,** און ווייל די צייט איז אַן עת רצון, דעריבער, כאָטש דער מענטש וואָס איז מתפלל איז אַפילו נישט ווערט אַז זיין תפילה זאָל אָנגענומען ווערן, פונדעסטוועגן הערט דער אויבערשטער ברוך הוא די תפילה, און ער זאָגט צו זיין בית דין אַז זיי זאָלן נישט אָנהויבן משפט'ן ביז עס גייט אַוועק די תפילה פון אינדערפרי, ווייל דעם גענאָד און דערבאַרעמהאַרציקייט גיט דער אויבערשטער נישט איבער פאַר דעם בית דין של מעלה, נאָר זיי זענען אין דער האַנט פון דעם אויבערשטן, און אינדערפרי איז די מדה "חסד לאברהם", דאָס גענאָד פון אברהם אבינו ע"ה, דעריבער נעמט דער אויבערשטער אָן די תפילות וואָס מען דאַוונט אינדערפרי מיט זיין גרויס גענאָד.

**הערנדיק** די רייד פון רבי אלעזר האָבן רבי אבא און די אַנדערע מענטשן פון דער חבריא געזאָגט: ווען מיר וואָלטן נישט געגאַנגען אין דעם וועג נאָר כדי צו הערן די דאָזיקע רייד, וואָלט עס פאַר אונז אויך געווען גענוג.

**ז. עד דהוי,** ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען, איז געקומען אַ טויב און האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן רבי אלעזר און האָט אָנגעהויבן קוויטשען פאַר אים. האָט רבי אלעזר געזאָגט, די טויב איז דאָך כשר און זי קומט שטענדיק אין אַ גוטע שליחות, ווי עס שטייט ביי נח (בראשית ח, ח) ״וַיְשַׁלַּח נֹחַ אֶת הַיּוֹנָה״, און נח האָט אַוועקגעשיקט די טויב (פון דער תיבה) אין אַ שליחות. איצט זאָגט די טויב, גיי און זאָג צו רבי יוסי, די חבריא קומט אָן צו דיר און איך בין אויך מיט זיי, און ער זאָל זיך נישט פאָרכטן, ווייל אין דריי טעג אַרום וועט מיט אים געשעהן אַ נס, און ער זאָל נישט מורא האָבן ווייל מיר קומען צו אים מיט פרייד.

**ח. אזיל,** איז די טויב געגאַנגען צו רבי יוסי בן לקוניא, וואָס ער איז געווען דער שווער פון רבי אלעזר, און האָט עס אים געזאָגט, און האָט צוריקגעענטפערט אַ תשובה צו רבי אלעזר, אַז רבי יוסי בן לקוניא האָט צער פון דעם וואָס רבי יוסי בן פקיעין איז אַ גוסס, ווייל פריער איז רבי יוסי בן לקוניא געווען שלאַף און איז אויסגעהיילט געוואָרן, און דערנאָך איז רבי יוסי בן פקיעין קראַנק געוואָרן און האָט גע׳גוסס׳ט.

**ט. עד דהוו,** ווי זיי זענען אַזוי געגאַנגען, איז געקומען אַן עורב (ראָב) און האָט געזאָגט צו רבי אלעזר אַז רבי יוסי בן פקיעין איז נפטר געוואָרן. האָט רבי אבא מיט די גאַנצע חבריא זיך געוואונדערט. האָט רבי אלעזר געזאָגט צו דער ראָב, גיי דיר דיין וועג, ווייל איך ווייס שוין אָן דיר.

**י. אמר,** האָט רבי אלעזר געזאָגט צו דער חבריא, לאָמיר גיין טוהן אַ

גמילות חסד צו דעם מילגרוים וואָס איז געווען פול פון אַלעמען, דאָס מיינט מען צו דעם צדיק רבי יוסי וואָס ער איז געווען פול מיט תורה, ווייל ער איז געשטאָרבן, און אין דער גאַנצער שטאָט איז קיינער נישט ראוי זיך מתעסק צו זיין מיט זיין קבורה, דעריבער לאָמיר טוהן די מצוה און אים ברענגען צו קבורה.

**יא. סטו מאורחא,** האָבן זיי אָפּגעקערט פון וועג און זענען אַהין געגאַנגען. ווען די שטאָט לייט האָבן זיי דערזען, זענען זיי אַנטקעגן געגאַנגען קעגן זיי, און די גאַנצע חבריא איז אַריינגעגאַנגען אין דעם הויז פון רבי יוסי פון פּקיעין.

**יב. וברא זעירא,** און אַ יונגען זוהן האָט רבי יוסי בן פקיעין געהאַט, וואָס ער האָט נישט צוגעלאָזט קיינעם צו דעם בעט וואו זיין פאָטער איז געלעגן נאָך זיין פטירה, נאָר ער אַליין איז געשטאַנען נעבן דעם בעט און האָט געוויינט איבער זיין פאָטער.

**יג. ופתח,** און דאָס קינד האָט געעפנט זיין מויל און האָט געזאָגט, האַר פון דער וועלט, עס שטייט אין דער תורה (דברים כב, ו-ז) "כִּי יִקָּרֵא קַן צִפּוֹר לְפָנֶיךָ בַּדֶּרֶךְ וגו', שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ", ווען עס וועט זיך טרעפן פאַר דיר אין וועג אַ נעסט פון פייגל, זאָלסטו אַוועקשיקן די מוטער און די קינדער זאָלסטו נעמען צו דיר. האַר פון דער וועלט, דו זאָלסט מקיים זיין די דאָזיקע ווערטער וואָס שטייען געשריבן אין דער תורה.

**יד. תרין בנין,** צוויי קינדער זענען מיר, איך און מיין יונגע שוועסטער. וואָלסטו געדאַרפט אונז אַוועקנעמען פון דער וועלט כדי מקיים צו זיין די ווערטער פון דער תורה, און אויב דו וועסט זאָגן, עס שטייט דאָך אין דער תורה "די מוטער זאָלסטו אַוועקשיקן אָבער נישט דעם פאָטער", דאָס איז אמת, מיין מוטער איז דאָך שוין פריער געשטאָרבן און דו האָסט זי צוגענומען פון אירע

קינדער, און איצט איז אויך אונזער פאָטער געשטאָרבן און דו האָסט אים צוגענומען פון זיינע קינדער. וואו איז דיין דין פון דער תורה?

**טו. וכד הוו,** ווי רבי אליעזר און רבי אבא מיט דער חבריא האָבן געהערט דאָס קול פון דעם קינד, האָבן זיי געוויינט. האָט רבי אלעזר אָנגעהויבן מיט זאָגן דעם פסוק (משלי כה, ג) ״שָׁמַיִם לָרוּם וָאָרֶץ לָעֹמֶק, וְלֵב מְלָכִים אֵין חֵקֶר״, דער הימל איז אין דער הייך און די ערד איז אין דער טיפעניש, און דאָס האַרץ פון די קעניגן האָט נישט קיין פאָרשונג.

**ווי** רבי אלעזר האָט אַרויסגעזאָגט דעם פסוק, איז געקומען פון הימל אַ פייערדיקע זאַל און האָט געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן דעם נפטר און די מענטשן.

**טז. וההוא ינוקא,** און דאָס קינד האָט באַהאַפטן זיין מויל צו זיין פאָטער׳ס מויל און האָט זיך נישט געוואָלט פון אים שיידן. האָט רבי אלעזר געזאָגט, דאָס באַדייט, אָדער דער באַשעפער ברוך הוא וויל אַז עס זאָל דאָ געשעהן אַ נס, אָדער ער וויל אַז קיין אַנדערע מענטש זאָל זיך נישט מתעסק זיין מיט דעם נפטר.

**יז. עד דהוו,** ווי זיי זענען אַזוי געזעסן, האָבן זיי געהערט אַ קול, וואויל איז דיר, רבי יוסי, ווייל די רייד פון דיין יונגען זוהן און זיינע טרערן זענען אַרויפגעגאַנגען צו דעם כסא הכבוד און מען האָט גע׳משפט דיין דין, און דרייצן מענטשן האָט דער אויבערשטער געגעבן צו דעם מלאך המות פון דיינעט וועגן כדי ער זאָל דיר צוריקקערן דיין נשמה, און צוויי און צוואנציק יאָר האָט מען דיר מוסיף געווען, אַז דו זאָלסט לערנען תורה מיט דיין קליינעם זוהן וואָס ער איז באַליבט פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**יח. קמו,** איז רבי אלעזר מיט דער חבריא אויפגעשטאַנען און זיי האָבן נישט געלאָזט קיינערזיך דערנענטערן צום הויז, און זיי האָבן געזעהן ווי עס איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם הימל אַ

פייערדיקע זייל. דאַן האָט רבי יוסי געעפנט זיינע אויגן און געזעהן ווי דאָס מויל פון דעם קינד איז באַהאָפטן צו זיין מויל. האָט רבי אלעזר געזאָגט, וואויל איז אונז וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו זעהן תחיית המתים.

**דאן** האָבן זיי זיך דערנענטערט צו אים, און דאָס קינד איז געפאַלן אין חלשות, גלייך ווי ער וואָלט חס וחלילה אַוועק פון דער וועלט.

**יט. אמרו,** האָבן די חבריא געזאָגט, וואויל איז דיין חלק, רבי יוסי, און געלויבט איז דער אויבערשטער וואָס ער האָט מיט דיר געטוהן אַ נס דורך די רייד פון דיין זוהן, ווייל מיט זיינע שיינע רייד האָט ער זיך אַריינגעשטויסן צו דעם טויער פון דעם הימל און דורך זיינע טרערן האָט מען דיר פאַרמערט צוויי און צוואָנציק יאָר צו לעבן.

**דערנאָך** האָבן זיי גענומען דאָס קינד און האָבן אים געקושט און געוויינט פון גרויס פרייד, און האָבן אים אַריינגענומען אין אַן אַנדער הויז, און האָבן אים דאָרט דערמונטערט ביז זיין נשמה האָט זיך צו אים צוריקגעקערט אַזוי ווי פריער.

**כ. חדו,** זיי האָבן זיך געפרייט דריי טעג מיט רבי יוסי, און האָבן מחדש געווען פילע חידושים אין דער תורה. האָט רבי יוסי צו זיי געזאָגט, חבריא, עס איז מיר נישט געגעבן געוואָרן רשות מגלה צו זיין פאַר אייך וואָס איך האָב געזעהן אויף יענער וועלט, נאָר ערשט אין צוועלף יאָר אַרום וועל איך דאָס מעגן אַנטפלעקן צו אייך, אָבער די דריי הונדערט און זיבעציק טרערן וואָס מיין זוהן האָט פאַרגאָסן, זענען אַרויפגעגאַנגען פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא.

**כא. והנני נשבע,** און איך שווער פאַר אייך, חבריא, אַז בשעת מיין זוהן האָט אָנגעהויבן דעם פסוק "כִּי יִקָּרֵא קַן צִפּוֹר", האָבן געציטערט אַלע בענק וואָס זענען אין דער ישיבה פון הימל, און אַלע האָבן זיך געשטעלט פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא און געבעטן דעם אויבערשטן אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף מיר, און

דער אויבערשטער ברוך הוא איז געוואָרן פול מיט דערבאַרעמהאַרציקייט אויף מיר, און דאָס וואָס מיין זוהן האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר מיר, איז געפעלן פאַר דעם אויבערשטן.

**כב. וחדא אפוטרופא,** און איין אפוטרופוס האָט געזאָגט, האַר פון דער וועלט, עס שטייט דאָך אין פסוק (תהלים ח, ג) ״מִפִּי עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם״, דו זאָלסט באַוויליקן דעם זכות פון דער תורה און דעם זכות פון דעם קינד וואָס האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר זיין פאָטער מיט אַ שטאַרקייט, זאָל עס בייַשטיין אַז דו זאָלסט רחמנות האָבן אויף אים און ער זאָל בלייבן לעבן. האָט דער אויבערשטער ברוך הוא געגעבן צו דעם מלאך המות דרייצן מענטשן אנשטאט רבי יוסי אַז ער זאָל שטאַרבן ערשט נאָך צוויי און צוואנציק יאָר.

**כג. והנה שמעו,** און אָט הערט אמת׳ע רייד. וואָס איז דאָס וואָס דער פסוק זאָגט (שמואל א ב, ו) ״ה׳ מֵמִית וּמְחַיֶּה״ וגו׳, דער אויבערשטער מאַכט טויט און מאַכט לעבעדיג. איז דאָך שווער, טוט דען דער אויבערשטער אַליין טויטן, ער האָט דאָך באַשאַפן דעם מלאך המות וואָס ער איז ממונה אַוועקצונעמען די נשמות פון מענטשן?

**נאָר** דער תירוץ איז, ווייל איידער די נשמה גייט אַרויס פון דעם גוף וויל דער שטן זיך באַהעפטן אין דעם גוף, און דורך דעם קומט אַ זוהמא און צעמישעניש חס וחלילה אויך צו דער נשמה.

## ביי די פטירה פון אַ צדיק קומט די שכינה און דער שטן ווערט אפגעשוואַכט

**כד. וכשיגיע העת,** און אַז עס קומט די צייט נאָנט צו דעם טויט פון אַ צדיק, וואָס די סטרא אחרא איז נישט ווערט צו באַהעפטן זיך מיט זיין ריינע נשמה, דאַן אַנטפּלעקט זיך צו אים די הייליקע שכינה און דער שטן ווערט דעמאָלס אָפּגעשוואַכט און

ער מוז אָוועקגיין אַנטקעגן זיין ווילן, און ביי דעם שטן איז דאָס גלייך ווי ער אַליין וואָלט געשטאָרבן, ווייל ער קען נישט געוועלטיקן אויף דער נשמה פון דעם צדיק.

**ווען** די נשמה גייט אַרויס פונעם גוף, גייט זי באַלד מיט דער שכינה צו אַ הייליקן אָרט, וואָס ווערט אָנגערופן ״צרור החיים״, און אויף דעם בעטן מיר פאַר די טויטע, ״וְיִצְרוֹר בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת נִשְׁמָתוֹ״, און ער (דער אויבערשטער) זאָל אָנבינדן די נשמה פון דעם נפטר אין דעם היכל וואָס ווערט אָנגערופן ״צרור החיים״.

**כה. וזהו הסוד,** און דאָס איז די כוונה פון דעם פסוק ״ה׳ מֵמִית״, דער אויבערשטער ברוך הוא טוט אָפּטויטן די סטרא אחרא, ער פאַרטרייבט זי און שוואַכט זי אָפּ, און ער מאַכט לעבעדיק די נשמה פון דעם צדיק, איר צו ברענגען אין דעם אָרט וואָס ווערט אָנגערופן ״צרור החיים״.

## אפילו די נשמה פון דעם צדיק מוז נידערן אין גיהנום אויף אַ קורצע רגע

**און** דאָס איז אויך דער סוד פון דעם פסוק ״מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל״, ער נידערט די נשמה אין גיהנום אַריין און ער ברענגט זי צוריק אַרויף, דאָס גייט אַרויף אויף דער נשמה פון דעם צדיק, וואָס מוז אַראָפּנידערן אין גיהנום אויף אַ קורצע רגע, און דערמיט טובל׳ט זי זיך, ווייל עס איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַ צדיק וואָס ער האָט נישט געטוהן עפּעס אַן עבירה, דעריבער מוז די נשמה זיך טובל׳ען כדי אָפּצוטוהן איר קליינע זוהמא, אָבער באַלד דערנאָך ״וַיָּעַל״, ברענגט דער אויבערשטער אַרויף די נשמה פון דעם צדיק צו איר אָרט וואָס איז פאַר איר ראוי אין גן עדן.

**כו. והנה חבריא,** און אָט, חברים, איר זאָלט וויסן, אַז אין דער צייט ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, האָט מען פאַר מיר אויך דורכגעפירט אַ טבילה אין גיהנום אַזוי

ווי פריער דערמאנט, און באַלד נאָך דער טבילה בין איך אַרויפגעגאַנגען צו מיין אָרט אין גן עדן, און אין דער צייט ווען מיין זוהן האָט געזאָגט די אויבן דערמאנטע רייד און האָט זיך מוסר נפש געווען פאַר מיר, איז זיין נשמה אויך אַרויסגעגאַנגען, און צוליב דעם האָט ער גע׳חלש׳ט, און ווען מיין זוהנ׳ס נשמה איז אַרויסגעגאַנגען, האָב איך זיך דערוועקט און באַגעגנט זיין נשמה ווען זי איז אויך אַרויסגעקומען פון די אויבן דערמאנטע טבילה (אין גיהנום), און דאָרט האָט מען גע׳משפט אַז מען זאָל מיר צוגעבן צוויי און צוואנציק יאָר צו לעבן צוליב די טרערן און די רייד פון מיין זוהן.

**כז. וכהיום,** און איצט, אַז איך בין שוין גאָר ריין און מיין נשמה איז טהור, דעריבער מוז איך זעהן אַז אין די צוויי און צוואָנציק יאָר זאָל איך נאָר עוסק זיין אין ענינים פון עולם הבא, דאָס הייסט לערנען תורה און טוהן מעשים טובים, ווייל איך האָב שוין געליטן די שטראָף פון טויט און האָב זיך שוין גע׳טובל׳ט אין גיהנום. דעריבער דאַרף איך זעהן פון היינט און ווייטער נישט צו טוהן אַן עבירה חס וחלילה, כדי איך זאָל נישט קומען מיט פאַרשעמונג אין עולם הבא.

**כח. וזהו שאמר,** און דאָס איז וואָס דוד המלך עליו השלום האָט געזאָגט (תהלים קיח, יח) ״יַסֹּר יִסְּרַנִּי יָּהּ וְלַמָּוֶת לֹא נְתָנָנִי״, דער אויבערשטער האָט מיך געשטראָפט, כדי ער זאָל מיך נישט אַריינגעבן אין גיהנום וואָס הייסט ״מות״, און אויב אַזוי, אַז איך בין שוין גערייניקט געוואָרן דורך טובל׳ען זיך אין יסורים, טאָר איך פון איצט אָן חלילה מער נישט פוגם זיין אין מיין נשמה, נאָר ״פִּתְחוּ לִי שַׁעֲרֵי צֶדֶק״, עפענט פאַר מיר די טויערן פון גערעכטיקייט עוסק צו זיין אין תורה און יראת שמים, כדי איך זאָל נישט פאַרשעמט ווערן אין עולם הבא.

**די יסורים זענען כדי צו רייניקן דעם מענטש פון זיינע זינד**

**כט. ונלמוד מכאן,** און פון דאַנעט קענען מיר לערנען אויף יעדן מענטש וואָס עס גייען אַריבער אויף אים יסורים פון דעם באַשעפער וואָס ער איז דער האַר פון דער וועלט, און דער מענטש האָט אָנגענומען די יסורים זאָל ער טראַכטן אַז דאָס איז אַוודאי כדי אים צו רייניקן פון זיינע זינד, און ער דאַרף אַכטונג געבן אַז עס זאָל פון איצט און ווייטער מער נישט אַרויפגעצויגן ווערן אויף אים די סטרא אחרא פון טומאה דורך זיינע עבירות, ווייל אויב יאָ וועט ער חס ושלום ווידער דאַרפן ליידן יסורים כדי אָפּצוטוהן די קראַנקהייט פון דער זוהמא פון דער סטרא אחרא.

**ל. ואם תאמר,** און אויב דו וועסט זאָגן, וואָס פאַראַ שייכות האָט עס אַז דורך די יסורים ווערט אָפּגעטוהן די זוהמא פון דער קליפה? זאָלסטו וויסן אַז די זוהמא איז טאַקע אַ ממשות׳דיקע זאַך וואָס ווערט באַהאָפטן אין דעם מענטשנ׳ס גוף.

**לא. והאות,** און אַ צייכן און באַווייז דערויף איז, ווייל ווען אַ פרוי וואָס איז אַ נדה קוקט אַריין אין אַ שפיגל, ווערן אָנגעקלעפּט פלעקן אין דעם שפיגל, וואָס זיי מאַכן פינסטער די לויטערקייט פון דעם שפּיגל, און עס ווערן דאָרט ווייסע און שוואַרצע פלעקן, איז דאָך געדרונגען דערפון אַז די טמא׳נע פרוי מאַכט אַ צייכן אויף דעם שפּיגל דורך דעם וואָס זי קוקט אַריין אין אים אין די טעג ווען זי איז טמא, אַזוי ווי איך האָב געשריבן אויבן אין צווייטן פרק.

**זעסטו** דאָך דערפון אַז דער מענטש מאַכט אַ צייכן דורך די עבירות, און פון דעם זעסטו אַז די זוהמא פון דער סטרא אחרא איז אַ ממשות׳דיקע זאַך וואָס ווערט באַהאָפטן אין דעם גוף פון דעם מענטשן, און דאָס קען נישט ווייס ווערן און אויסגעליידיקט ווערן נאָר דורך יסורים, ווייל דורך יסורים ווערט דער גוף דערהיצט און דורך דער היץ גייט אַוועק די זוהמא.

**לב. אף הסרת**, אַזוי אויך די פלעקן קען מען נישט אָפּטוהן פון דעם שפּיגל נאָר דורך פייערדיקע קוילן וואָס דאַן וועט דער שפּיגל צוריק ווערן אַזוי ווי פריער. אַזוי אויך האָט דער מענטש נישט אַ כפרה אויף זיינע זינד נאָר דורך דעם וואָס ער וועט ווייס ווערן דורך די היץ פון די יסורים.

## דורך אָננעמען די יסורים שוואַכט מען אָפּ דעם כח פון דער סטרא אחרא

**לג. וכשאדם**, און אויב דער מענטש נעמט אָן די יסורים פון דעם אויבערשטן מיט ליבשאַפט, שוואַכט ער אָפּ דעם כח פון דער אויסשפּרייטונג פון דער זוהמא פון דער סטרא אחרא, און אַ מענטש טאָר נישט חלילה טרעטן אויף זיינע יסורים, נאָר ער זאָל אַלץ אָננעמען מיט ליבשאַפט סיי די יסורים וואָס קומען אויף זיין גוף, און סיי די יסורים פון זיין געלט.

**לד. כי יש**, ווייל עס זענען פאַראַן געוויסע מענטשן וואָס אויב עס טרעפט זיך אים אַ שאָדן פון געלט ווערט ער דערוואַרעמט און אָנגעהיצט מיט אַ בייז האַרץ און ער קריגט זיך מיט אַנדערע מענטשן. דאָס איז אַ מענטש וואָס טרעט אויף די יסורים, נאָר ער זאָל זיך מכניע זיין מיט אַ צעבראָכן האַרץ, און ער זאָל זאָגן דעם פסוק (איוב א, כא) ״ה׳ נָתַן וַה׳ לָקָח יְהִי שֵׁם ה׳ מְבוֹרָךְ״, דער אויבערשטער האָט געגעבן און דער אויבערשטער האָט גענומען, זאָל דער נאָמען פון דעם אויבערשטן זיין געבענטשט פאַר אַלעם, און דערמיט דערוועקט ער דאָס רחמנות פון דעם אויבערשטן ווען ער זעהט זיין אונטערטעניגקייט.

**לה. והנה קבלה**, און איך האָב מקובל פון אַ גרויסן תלמיד חכם, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע טעג אין יאָר וואָס זענען געאייניקט אַז דעם אויבערשטן׳ס שליחים ברענגען דעמאָלטס יסורים אויף מענטשן, און באַזונדערס אויף די מענטשן וואָס טרעטן

אויף די יסורים און ווילן זיי נישט אָננעמען מיט ליבשאַפט. דעריבער, דער וואָס וויל היטן זיין זעל, זאָל ער זיך דערווייטערן פון זיי, און איך וועל פאַר דיר פאָרשטעלן אַ באַזונדערן פרק וועגן יענע טעג.

❖ ❖ ❖

# פרק ל״ב

**אין דעם פרק ווערט אויסגערעכנט די טעג ווען עס איז א סכנה צו נעמען בלוט. - אין די דאָזיקע טעג טאָרן קינדער נישט גיין אַליין אויף דער גאַס. - ווי בלעם הרשע האָט געוואָלט טוהן שלעכטס פאַר די אידן דורך זיין עין הרע. - די עלף פסוקים וואָס זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע.**

**א. כתב,** דער רב דער מחבר פון ספר טורי זהב, שרייבט אין יורה דעה סימן קט״ז (סעיף קטן ו׳) וועגן די טעג אין יאָר ווען עס איז אַ סכנה צו לאָזן בלוט ווייל זיי זענען טעג פון דין, עיין שם.

**אויך** זאָלסטו וויסן און זיך אָפּהיטן, ווייל איך האָב געטראָפן אין נאָמען פון אַ גרויסן מאַן און אַ חסיד אַז די טעג זענען געאיינציקט פאַר דעם מענטש צו באַקומען יסורים ח״ו, דעריבער טאָר מען אין זיי נישט נעמען בלוט, און פאָלגענד זענען די טעג: י״ז מר חשון, ה׳ שבט, כ׳ אדר, כ״ה ניסן, כ״ט אייר, ט״ז סיון, כ״ז סיון, כ״ד-כ״ו תמוז, כ׳ אב, כ״ו אב, כ״ז אב, און י״ב אלול.

### די טעג ווען קינדער טאָרן נישט גיין אַליין אויף דער גאַס

**ב. והנה,** והנה, און אין די דאָזיקע טעג וואָס מיר האָבן דערמאַנט דאַרף מען זיין זעהר געוואָרענט אַז די קינדער זאָלן נישט גיין אַליין אויף דער גאַס וואו עס געפינען זיך נישט קיין מענטשן, ווייל די רוחות זענען דעמאָלס שכיח אויף דער וועלט און האָבן דעמאָלטס רשות אַריינצוגיין חס ושלום אין די קינדער רחמנא ליצלן.

### דער מענטש דאַרף מתפלל זיין דער אויבערשטער זאָל אים ראַטעווען פון די שלעכטע ווינטן און פון אַן עין הרע

**ג. וויפיל** אַחריות און טרעפונגען גייען אַריבער אויף דעם מענטשן. וויפיל גוטע רוחות זענען פאַראַן וואָס ברענגען גוטע ברכות אויף

דער וועלט, און פיל שלעכטע וואָס ברענגען שלעכטע לופטן און בייזע קראַנקהייטן אויף דער וועלט. און אויף די אַלע דאַרף דער מענטש דערוועקן דאָס רחמנות פון דעם אויבערשטן ברוך הוא און פאַר אים מתפלל זיין אַז ער זאָל אים ראַטעווען צוזאַמען מיט אַלע מענטשן פון אַלע פריער דערמאַנטע שלעכטע זאַכן, און אין די פריער דערמאַנטע טעג האָבן די מענטשן מיט שלעכטע אויגן רשות צו געבן אַן עין הרע אויף אַ קינד אָדער אַריינצוברענגען אַן עין הרע אין זיין חבר׳ס געלט.

**ולכן צריך,** און דעריבער אַז דער מענטש פירט דעמאָלטס זיין קינד אויף דער גאַס זאָל ער אים צודעקן מיט זיין קלייד, אַזוי ווי דער זוהר שרייבט (חלק ג׳, דף רי״א עמוד ב׳) אַז אַזוי האָט דער אויבערשטער ברוך הוא געטוהן צו די אידן פאַר בלעם הרשע, ווייל ווען בלעם הרשע האָט געזעהן אַז ער קען נישט טוהן שלעכטס צו די אידן, האָט ער געוואָלט קוקן אויף זיי מיט זיינע שלעכטע אויגן, ווייל איבעראַל וואו בלעם הרשע האָט געקוקט מיט זיינע שלעכטע אויגן איז פאַרשאָלטן געוואָרן, און דאָס איז וואָס דער פסוק זאָגט (במדבר כד, ב) ״וַיִּשָּׂא בִלְעָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת יִשְׂרָאֵל שֹׁכֵן לִשְׁבָטָיו וַתְּהִי עָלָיו רוּחַ אֱלֹקִים״, און בלעם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט געזעהן ווי די אידן רוהען יעדער שבט באַזונדער, האָט ער געוואָלט אַריינגעבן אין זיי אַן עין הרע, האָט גערוהט אויף די אידן די שכינה פון דעם אויבערשטן, אַזוי ווי איינער וואָס פאַרדעקט דעם קינד׳ס קאָפּ מיט אַ קלייד, כדי עס זאָל נישט געוועלטיקן אויף די אידן דאָס שלעכטע אויג פון בלעם הרשע.

## עלף פסוקים וואָס פאַנגען און ענדיקן זיך מיט׳ן אות נו״ן, זענען מסוגל קעגן כישוף און עין הרע

**ד. ודע,** און דו זאָלסט וויסן אַז די עלף פסוקים (פון די מעמדות) וואָס פאַנגען זיך אָן און פאַרענדיקן זיך מיט דעם אות נו״ן, האָב איך מקובל אַז זיי זענען אַ גוטע סגולה קעגן כישוף און אַן עין

הרע, און דעריבער איז גוט צו זאָגן נאָך די דאָזיקע עלף פסוקים וואָס פאַנגען זיך אָן מיט אַן אות נו״ן, די פאָלגענדיגע קורצע תפילה.

**רבונו של עולם,** האַר פון דער וועלט, ראַטעווע דיין פאָלק די אידן פון אַלע סאָרטן כישוף, און פון אַלע סאָרטן עין הרע, און אַזוי ווי דו האָסט אויסגעשפרייט דיינע פליגל אויף אונזערע עלטערן אין דעם מדבר אַז עס האָט אויף זיי נישט געוועלטיקט דאָס שלעכטע אויג פון בלעם הרשע, אַזוי זאָלסטו אויסשפרייטן דיינע פליגל אויף אונז מיט דיין גרויס דערבאַרעמקייט, אַז מיר זאָלן זיין באַדעקט מיט אַ דעק און מיר זאָלן געפירט ווערן דורך דיינע הייליקע שמות, אַז קיין שום עין הרע זאָל אויף אונז נישט געוועלטיקן. דערנאָך זאָל ער זאָגן דעם פסוק (תהלים לב, ז) ״אַתָּה סֵתֶר לִי מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה״.

**ו. וכל אשה,** און יעדע פרוי וואָס איז טראָגעדיג, אויב זי זאָגט די דאָזיקע עלף פסוקים וואָס פאַנגען זיך אָן מיט דעם אות נו״ן און לאָזן זיך אויס מיט אַ נו״ן, קען זי זיכער זיין אַז עס וועט נישט געוועלטיקן אַן עין הרע אויף אירע קינדער. דעריבער זאָל דער מענטש נזהר זיין צו זאָגן די אויבן דערמאַנטע עלף פסוקים, און אַזוי וועט ער געראַטעוועט ווערן פון אַן עין הרע, אמן כן יהי רצון.

❖ ❖ ❖